בעזהשי"ת, ה' שומריך ה' צילך על יד ימינך

# שומרים בולעטין

נאטיצן און באריכטן פון "חברה שומרים" קרית טאהש

SHOMRIM PROTECTION PUBLIQUE "שומרים" קרית טאהש Communauté de Tash Boisbriand, Québec KTSP

סיון פ"ו נומער 33

## ערשטע פאזע לייסענס פלעיט רידערס שוין אינסטאלירט

מיר האבן שוין ב"ה געענדיגט אינסטאלירן די ערשטע פאזע פון די LPRקעמערעס אויף וואס מיר האבן צוזאמגענומען געלט דעם ווינטער. וואס דאס נעמט אריין די ביידע אריינגענג צום שטעטל און די הויפט גאס ארום דעם שטעטל, פארשטייט זיך אז דאס איז נאר די מינימום, און ווער עס קען מנדב זיין פאר נאך לאקאציעס וועט עס אסאך ארויסהעלפן.

אזוי אויך ביטע נעמט און אכט אז גארנישט איז נישט 100 פראצענט זיכער אז מ'וועט אייביג כאפן די פארברעכער, אבער עס העלפט גאר אסאך ארויס.

## עלעקטריק סקוטערס

די פאליציי האט געבעטן אז מען זאל מעלדן אז די וואס פארן מיט אן עלעקטריק סקוטער דארפן גיין מיט א העלמעט, און נאר איין מענטש מעג פארן דערויף.

ווי חברה הצלה האט שוין געווארענט, איז עס א גרויסע סכנה זיך צו באנוצן מיט אן עלעקטריק סקוטער, און ווי אויך איז דאס גע'אסר'ט דורך די רבנים. און דאס גייט אויך אריין אויף סקוטערס וואס מען קען מאכן די ספיד שוואכער.

## זומער סעיפטי

הצלה ווינקל

### וויכטיגע מעדיצינישע , הויז, טרעוועל, און אנדערע סעיפטי נאטיצן פאר'ן זומער

מען האט געברענגט צו אונזער אויפמערקזאמקייט, אז עס זענען דא קינדער וואס שפילן זיך מיט שפילצייגן וועלכע נוצן קליינע בעטערים, דאס איז א סכנה אז זיי זאלן דאס ח"ו אראפשלינגן, און די עסיד כעמיקאל וואס געפונט זיך אין די בעטערי קען זיין זייער שעדליך ח"ו, ביטע זייט פארזיכטיג, און אין פאל פון די מינדעסטע חשש פארבינדט אייך גלייך מיט "חברה הצלה **450-434-2222** "

אין די הייסע זומער טעג איז זייער וויכטיג צו טרינקן ווי מער פליסיגקייט אז מען זאל נישט ווערן אויסגעטריקענט ח"ו, ספעציעל קינדער זענען גרינגער עלול צו ווערן אויסגעטריקענט ווי ערוואקסענע, און זיי פארברענגען אויך מער צייט אונטער די זון. ווען די היצן זענען גאר שטארק, פרובירט נישט צו פארברענגן לאנג אין די הייסע וועטערס, האלט זיך קיל אין עירקאנדישאן א.ד.ג.

אויך איז ראטזאם צו וויסן - ביים טרינקן כדי נישט צו ווערן אויסגעטריקענט - אז וואסער אליין האלט זיך נישט אזוי גוט אינעם קערפער ווי ווען מען מישט אריין אביסעלע א געדעכטערן געטראנק, ווי צ.ב.ש. אראנדזש דזשוס, אדער גרעיפ דזשוס א.ד.ג. אויב מען שוויצט אסאך קען מען פארלירן זאלץ, איז כדאי אריינצומישן א טראפעלע זאלץ אינעם געטראנק. אויב איינער איז געווען אויסגעשטעלט צו היץ פאר א לענגערע צייט און שפירט זיך נישט גוט, ווי צומישט, שווינדעלט, איבעלט, פארבינדט אייך גלייך מיט חברה הצלה 450-434-2222

(המשך אויף זייט 2)

בעזהשי"ת, ה' שומריך ה' צילך על יד ימינך

# שומרים בולעטין

נאטיצן און באריכטן פון "חבורה שומרים" קרית טאהש

## זומער סעפטי

המשך פון זייט 1

שווים באסיינען (סווימינג פולס) זענען זייער געשמאק זיך אפצוקילן, אבער ליידער הערט מען יעדעס יאר פון אומגליקן ל"ע פון קינדער וואס האבן זיך דערטראנקן אין שווים באסיינען ה"י, אפילו אין די גאנץ קליינע וואס מען שטעלט אליין ארויס אין הויז אדער בעק-יארד. נעמט דאס נישט לייכט, עס איז וויכטיג אז עס זאל אלץ זיין אן ערוואקסענער ווען די קינדער שווימען, אין קיין פאל לאזט נישט איבער די קינדער אליין ביים שווימען. נאכ'ן שווימען, אויב לאזט מען איבער דעם שווים באסיין אנגעפילט מיט וואסער, מוז מען דאס פולקאם פארדעקן מיט א געהעריגן צודעק, צו פארהיטן אז א קינד זאל נישט אריינגיין אליין ח"ו.

געדענקט אז די גרויסע סווימינג פאלס ווען עס איז פיל מיט וואסער וועגט גאר אסאך, און עס האט זיך שוין געמאכט אז באלקעניס זענען צזאמגעפאלן פון די שווערע וואג.

ח"ו לאזט קיינמאל נישט איבער קינדער אליין אין א קאר, די היץ אין די קאר דאפעלט זיך ביז געציילטע מינוטן, און עס נעמט נישט צו לאנג, ביז עס קען זיין פאטאל ח"ו, און מען הערט ליידער יעדעס יאר פון אומגליקן פון איבערלאזן קינדער אין די קאר.

איבערלאזן יונגע קינדער אליין אינדערהיים איז א סכנה, און אויך קעגן געזעץ, אפילו איר גייט נאר ארויס אויף א קליינעם שפאציר, דארף אן ערוואקסענער דארט זיין, עס מעג זיין א שכן וואס קוקט זיך אום און די קינדער ווייסן דערפון, עס האט זיך שוין געמאכט אז די קינדער האבן געשפילט מיט'ן טעלעפאן און בטעות גערופען 911 און ווען די פאליציי זענען געקומען איז נישט געווען קיין ערוואקסענער אינדערהיים, מען האט זיך בחסדי השם דערוויי'ל ארויסגעדרייט, אבער עס איז גאר א הארבע זאך.




## התורה חסה על ממונם של ישראל
## צענסוס

און די יעצטיגע טעג איז אנגעקומען צו יעדע אדרעס די פארעם פון די סענסוס, מען מוז עס לעגאל אויספילן, **אויב נישט קען מען דארפן באצאלן א קנס**, די דעדליין איז געווען די וואך דינסטאג. דאס לעצטע מאל האבן זיי זיך פארבינדן מיט אונז און מען האט געשיקט א מענטש צו די טירן דאס צו העלפן אויספילן וויבאלד עס פארלאנגט אז מען זאל דאס טוהן אויף די אינטערנעט, אבער מיר קענען נישט גאראנטירן אז עס וועט נאכאמאל געשעהן, דערפאר איז ראטזאם דאס צו גלייך אויסצופילן .





מיר ווילן זיך באדאנקן פאר אלע תושבי קריתינו הק׳ וואס האבן אנטייל גענומען
און די פראיעקט פון אינסטאלירן די העכסט פארגעשריטענע לייסענס פלעיט
רידער קעמערעס און ספעציעל פאר די וואס האבן זיך משתתף געווען מיט
גרעסערע סכומים

ה"ה

## קהל אור החיים
## אב"ד קלוזש שליט"א
## מו"ה ישראל צבי פריעדמאן הי"ו
## מו"ה אלעזר קליין הי"ו
## מו"ה זלמן דוב ניימאן הי"ו
## מו"ה אלימלך ברה"ל קרויס הי"ו

עקסטער ווילן מיר זיך באדאנקען פאר **חברה שומרים ד׳וויליאמסבורג און**
**חברה שומרים ד׳בארא פארק** וואס האבן אונז ארויסגעהאלפן מיט
געטריישאפט מיט זייער געניטע עקספיריענס, איבער וועלכע צו קויפן
און וועלכע סאפטוועירס צו נוצן, און אזוי אויך מיטן שאפן די קעמערעס
פאר היבש ביליגער,  און בפרט פאר

## מו"ה לעמל מארקאוויטש הי"ו
## מו"ה מענדל שווארץ הי"ו
## מו"ה יחזקאל אדלער הי"ו



א באזונדערע דאנק פאר **מו"ה אלעזר קליין הי"ו** פארן
מסדר זיין אלע  קשרים

און זכות פון העלפן אנהאלטן מנוחה ושלוה אין הייליגן
שטעטל, זאל אייך דער אייבישטער באצלן  מיט מנוחה
והרחבת הדעת, געזונט פרנסה און נחת וכט"ס

בעזהשי"ת, ה' שומריך ה' צילך על יד ימינך
שומרים בולעטין
נאטיצן און באריכטן פון "חברה שומרים" קרית טאהש







חברים ווינקל

## זומער טרעוועל סעיפטי טיפס

**אלס דרייווט אויסגערוהט**, אויב עס כאפט אייך אן א מידעקייט, שטעלט אייך אפ כאפן א דרימל, לכתחילה גייט ארויס דעם עקזיט, אדער שטעלט אייך אפ ביי א רעסט סטאפ, אבער אויב איהר דארפט זיך יא אפשטעלן אויף די הייוועי, "וואס זאל נאר זיין און א נויטפאל ממש", דאן שטעלט אייך ווי מער אריין טיף אין די זייט.

**זאכן וואס איז זייער ראטזאם צו האבן אויף א נסיעה**

- **באסטער קעבעלס, אדער א גוטע באסטער פעק.**
- **א קליינע ערשטע הילף בעג.**
- CAA ספעציעל ווען אויף פארשידענע פלעצער איז נישט דא קיין חברים הילף.

**אויב טרעפט איר זיך מיט א קאר פראבלעם אינמיטן וועג רופט אלס די לאקאלע חברים אויף**

**514-660-4357**

**טרעוועל אינשורענס.** עס איז זייער וויכטיג צו האבן טרעוועל אינשורענס, די בילס קענען אנקומען צו שווערע טויזענטער דאלארן.

**השם ישמור צאתך ובואך!**